בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פֿאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
פ' ואתחנן תש"פ
Vol. 15-A
United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

**זמנים**
**ואתחנן**
**נחמו**
הדלקת הנרות
**7:59**
סו"ז קריאת שמע
**8:51**
זמן מוצש"ק
**9:25**

## עדיטאריעל

# זומער תש"פ: בלומינגראָוו בתפארתו!

**זומער אין בלומינגראוו! עפּעס וואס דאָס צו פארשטיין דארף מען דאָס זעלבסט מיטלעבן.**

די הערליכע פאנאראמעס פון גרינע שטרעקעס גראז און ביימער אומעטום, די הארץ – דערפרייענדע **סצענעס פון ליסטיגע קינדערלעך וועלכע שפילן זארגלאז אויף די גאסן**, די רחבות'דיגע לופט און די געשמאקע אטמאספערע וואס מען קען טאפן מיט דער האנט און וועלכע געבן אונז אלע מעלות פון "קאָנטרי", **אבער פאַר די גאַנץ – יאריגע וואוינונגס-אָרט פרייז...**

געוויס איז דאס אויך קענטיג אין רוחניות'דיגן זין, ווען **די תפלות און שיעורי תורה אין די 14 בתי מדרשים לענגאוים די שטאט האבן אלע א געוואלדיגע התעלות און התחדשות.** ויקם השדה – תקומה היתה לו!

אין צוגאב איז דא די זומער געסט, איבערהויפט אין די "וויקענדס", וועלכע גיבן צו זייער באזונדערן חן צו דעם קאלירפולן געמיש פון בלומינגראוו המעטירה.

באזונדער פארמאגן מיר אין די זומער חדשים די גרויסע זכי' פון "עלי יניח צדיק את ראשינו", צו חוסה זיין בצל קדשו פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, וועלכער איז געוויס משפיע מאור צדקתו אויף אלע תושבי השכונה מיט אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות.

אבער, דאס היי – יאריגע זומער תש"פ לפ"ק, האט דער באגריף פון **"זומער אין בלומינגראוו"** באקומען נאך א פיל שענערן און טיפערן באדייט, **ווען מען האט ב"ה דערגרייכט א פרישן און העכסט - אומגלויבליכן "מייל שטיין", מיט די אריבער 400 אידישע פאמיליעס בליעה"ר!** וועלכע פילן אָן די הייזער אין דעם געגנט, און ווען געניסן פון דעם געבענטשן מקום מנוחה עד ביאת הגואל, האפענטליך בקרוב ממש.

אט אזא וואונדערליכע ערשיינונג, פון אַן אומבאקאנטע געגנט וואס איז אין בלויז געציילטע יאר אויסגעשטיגן אלס אן "עיר ואם בישראל" במלוא מובן המלה מיט אזויפיל הונדערטער משפחות פון אלע סארטן, אלע קהלות און קרייזן, וועלכע לעבן אלע אינאיינעם מיט א ברודערליכע ליבשאפט, האט אייגנטליך נישט קיין "אח ורע" אין די געשיכטע פון היימישע ישובים, און ס'איז נישט קיין ספק אז דאס ווערט באגלייט מיט א הימלישע סייעתא דשמיא וואס מען זעהט אויף טריט און שריט.

★ ★ ★

ווירקליך איז טאקע אונזער געגנט ווידעראמאל ארויסגעקומען אין אירע הערליכע קאלירן, דורכאויס די יעצטיגע זומער וואכן, ווען מען האט זיך דערזען אין צייט פון קריזיס, נאכדעם וואס עס איז צום באדויערן נישט מצליח געווען די איבערמידליכע באמיאונגען פון די שתדלני הציבור, וועלכע האבן איבערגעדרייט יעדעם שטיינדל צו טרעפן א לעזונג און אויפקומען מיט אַן אלטערנאטיוו פאר די אויסנאם קאסטבארע טראנספארטאציע פרייזן וואס די פירמעס האבן פארלאנגט, און מען האט זיך געטראפן אן קיין געהעריגע טראנספארטאציע מיטלען פאר צוגענליכע קאָסטן.

דא איז אבער ווידער ארויפגעשווימען דאס אייגנארטיגע אחדות און ברידערליכע געפיל מיט וואס



בלומינגראוו איז אזוי ברייט בארימט.

אויפאמאל האבן שכינים זיך גרופירט, משפחות האבן אפגערעדט איינע מיט'ן אנדערן צו מסדר זיין אייגענע היימישע "ראוטס" צו טראגן און ברענגען, גרופעס פון קינדער האבן זיך פארמירט, און אנדערע גוטהארציגע אידן האבן אונטערגענומען פארשידענע מהלכים וויאזוי כאטש צו צושטעלן טראנספארטאציע פאר מערערע קינדער אויפאמאל. אלעם מיט אזא תשואת חן, מיט אזא ווילינקייט צו ארויסהעלפן איינער דעם אנדערן.

**אט דאס איז די שיינקייט פון אונזער שטאט, און אט דאס איז אייגנטליך דער "סוד" פון די הצלחה פון אונזער באליבטע געגנט. אונזער שטארקסטער און גרעסטער כח איז דער כח פון אחדות, שלום און גוט - ברידערשאפט,** "איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק".

★ ★ ★

## דאס היי - יאריגע זומער תש"פ לפ"ק, האט דער באגריף פון "זומער אין בלומינגראוו" באקומען נאך א פיל שענערן און טיפערן באדייט, ווען מען האט ב"ה דערגרייכט א פרישן און העכסט - אומגלויבליכן "מייל שטיין", מיט די אריבער 400 אידישע פאמיליעס בליעה"ר!

כן וקן זיך טאקע אידן פון אומעטום צו מיט וואונדער און באגייסטערונג, וויאזוי "בלומינגראוו" איז געגאנגען אזא לאנגען אבער הערליכן וועג, אין אזא קורצע צייט אפשניט. פון דער גאנצער וועלט באוואונדערט מען די הצלחה און סייעתא דשמיא וואס באגלייט תושבי העיר מיט א געבעט אויף ווייטער אז "אחותינו את היי לאלפי רבבה".

ורוח הקודש אומרת כן ירבה וכן יפרוץ! **"בלומינגראוו" האט ב"ה געמאכט דעם לאנגען וועג, און "בלומינגראוו" וועט בעז"ה שפאנען ווייטער, הולך וגדול, הולך וחזק,** בלויז מיט די הילף פון השי"ת וואס באגלייט אונז פון די ערשטע מינוט, צו פארזיכערן אז אידישע קינדער זאלן דא קענען וואוינען במנוחה, און מגדל זיין אונזערע דורות מיט א רואיגקייט און א נעימות, ביז משיח'ס טאג במהרה.

**אשרינו מה טוב חלקינו!**

**ארייינצושיקן נייעס, ארטיקלען, בילדער מזל טוב'ס, ברוכים הבאים, בריוו ביטע זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע אויף אימעיל, שרייבט צו:**

**BGVoice@UJCofBloomingGrove.org**

# "יו. דזשעי. סי." שטעלט אלס איר פּריאָריטעט צו ברענגען דאָס מאקסימום צוגענגליכע און באקוועמע "טראַנספּאָרטאַציע" פאר אלע הונדערטער קינדער בליעה"ר פון מוסדות התורה אין קרית יואל

נאכדעם וואס צום באדויערן האט מען ליידער נישט באוויזן צו ערגרייכן קיין ביליגע באסעס אויף די זומער חדשים, טראָץ אלע שווערע באמיאונגען און הארעוואניע, קוקט מען אצינד ארויס מיט א פאזיטיוון בליק אויף פאראויס, צום קומענדיגן שנת הלימודים הבעל"ט, וועט עס בעז"ה איינגעשטעלט ווערן אַ געניטער "טראנספארטאציע סיסטעם" לתועלת תושבי העיר

## געטרייע עסקני הכלל פון "יו. דזשעי. סי." פּאַרטון בעובי הקורה צו פארזיכערן אז "יעדעס בלומינגראווער קינד" זאל געניסן פון א פולקאמע היימישע און אחריות'דיגע באס סערוויס, פון און צו די מוסדות התורה אין קרית יואל

עטליכע זיצונגען אפגעהאלטן געווארן מיט "איסט אראנדזש" באָס פירמע צו אויסארבעטן אלע פלענער פאר'ן בעפארשטייענדן שנת הלימודים, און ערמעגליכן סערוויסעס אויך פאר זונטאג און חגאות פאר צוגענגליכע פרייזן

פאזיטיווע קאמיוניקאציע מיט "וואַשינגטאָן - וויל סקול דיסטריקט" - אינאיינעם מיט נאבעלע מיטארבעט און פארשטענדעניש פון תושבי העיר - קומט צום אויסדרוק

אין לענגערע ליסטעס אין אלע גרעסערע בתי מדרשים אין דער שטאט וואו יעדעס קינד איז אנגעצייכנט מיט אדרעסע און מוסד, צו פארזיכערן אז קיינער פאלט נישט ארויס

"יו. דזשעי. סי." באגלייט אלע פולזייטיגע איינצלהייטן פון איינפנעמען היימישע באס דרייווער'ס, אויסשטעלן פאסיגע ראוט'ס, און פארזיכערן אן אחריות'דיגע דיספּעטשינג סיסטעם, א.א.וו.

הֶהָרִים וְהַגְּבָעוֹת יִפְצְחוּ לִפְנֵיכֶם רִנָּה

# איבערראשענדע גריסן פון קרוב צו 100 צופרידענדע עלטערן דרוקן אויס באגייסטערונג פון סוקסעספולע "זומער דעי קעמפּ"

## פרייליכע קינדער און גליקליכע עלטערן פון "פרי סקול קלאסן" טרעטן אריין אין דעם צווייטן העלפט זומער נאכ'ן אפצייכענען פיר הערליכע וואכן אנגעפולט מיט הצלחה און סייעתא דשמיא

"זומער דעי קעמפּ" אראנזשירט דורך געטרייע "יו. דזשעי. סי." פאראיין ווערט באגריסט דורך אלעמען אלס געניאלע און געוואונטשענע שריט וואס האט אויסטערליש פארלייכטערט פאר תושבי בלומינגראוו און אונזערע ליכטיגע קינדערלעך

איבערגעגעבענע עבודת הקודש דורך געלונגענע שטאב פון טאלאנטפולע לערערינס איז גוט קענטיג אויף די צופרידענע שמייכל פון די טייערע קינדער טאג טעגליך




אויסנאמליכע רייכע אקטיוויטעטן און אינהאלטספולע אונטערהאלטונגען ברענגט ענדלאזע שמחה און געשמאק מיט'ן פולסטן הנאה פאר די זיסע קינדער און זייערע עלטערן

פונקטליכע טיר - צו - טיר טראנספארטאציע ווערט באזונדער אויסגעלויבט מיט איר געטריישאפט און ערשט - קלאַסיגע סערוויס צו אלעמענס צופרידנהייט

# בלומינגראווער איינוואוינער זענען דאנקבאר פאר געוואונטשענע פעולות צו פארמיידן "ווייעלעישענס" און קנסות ווי אין די פארלאפענע יארן

ווי פילע תושבים צייגן אָן געניסט מען ב"ה דעם זומער פון א פארהעלטנסמעסיג רואיגע אטמאספערע אדאנק די געניטע צוזאמארבעט פון "יו. דזשעי. סי.". מיט די לאקאלע פייער און פאליציי דעפארטמענט

פאסיגע שריט דורך געטרייע שליחי הציבור, ערמעגליכט א פארשטענדניש מיט לאקאלע אינסטאנצן און צו פארמיידן ריזיגע געלד -שאדנס און עגמת נפש פון וואס מען פלעגט ליידן יאָר יערליך אין דעם זומער סעזאן

"יו. דזשעי. סי." האלט אינפארמירט תושבי העיר מיט די וויכטיגע רעגולאציעס און לעגאליטעטן וואס ווערט אויפגענומען מיט פארשטענדניש דורך פאליציי און פייער אגענטורן צו אנקניפן גוטע באציאונגען פאר די תועלת פון אלע איינוואוינער

### בזמן שהצדיק בעיר, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה

# בלומינגראוו לעבט מיט לעכטיגע זומער וואָכן בצל הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א

## שכונת בלומינגראוו פארוואנדלט געווארן אלס "תל תלפיות" פאר חסידים ואנשי מעשה וואס ווארעמען זיך לאורו הבהיר פון צאנז זמיגראדער רבי'ן שליט"א וועלכער האט קובע געווען מקום משכן קדשו בתוכינו

תושבי העיר אינאיינעם מיט הונדערטער אידן פון אומעטום, וועלכע קומען פון דער נאנט און ווייט, זיך מסתופף זיין בצל הקודש און זיך מזכיר זיין בדבר ישועה ורחמים, האבן די זעלבע הרגשה פון "איש קדוש עובר עלינו תמיד", האבנדיג די זכי' צו מיטלעבן פון דער נאנט די עבודת הקודש וואס פארשיינט אונזער שטאט - והארץ האירה מכבודו.

הייליגע תפלות שב"ק און דערהויבענע עריכת השלחנות, רעוא דרעוין און מלוה דמלכה זענען א חטיבה אחת פון התרוממות הנפש צו באלייכטן אידישע הערצער מיט דעם נועם קדושת השב"ק מבואו ועד צאתו

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א באגלייט ווי שטענדיג די פעולות לטובה פון חברי הוועד פון "יו.זשעי.סי.", די שליחי הציבור פון אלע קהלות הקודש, וועלכע האבן שטענדיג אַן אָפן טיר ליהנות ממנו עצה ותושי' און זיך זיין שואל בעצתו ובדעתו דעת תורה על כל צעד ושעל ולהתברך מברכותיו הטהורות

כותלי בית המדרש יוכיחו! אויסגעברייטערטע בית המדרש המפואר "צאנז זמיגראד" שפרידלט און ווירבלט מיט אנגייענדע מנינים פון שחרית מנחה ערבית און טעגליכע שיעורים בתורה אויף א קביעות'דיגן פארנעם

## הערליכער שמחת שבע ברכות געפראוועט געווארן פארלאפענעם זונטאג פנחס העעל"ט לרגל שמחת בית צדיקים נכדת כ"ק מרן אדמו"ר מצאנז זמיגראד שליט"א, בקול רנה ותודה המון חוגג

ב"ה

חסדי ה' אזכיר תהלות ה' על כל אשר גמלנו,
ולזמן הזה הגיענו, יום כניסת בננו היקר

**הב' המו"מ יואל נרו יאיר**
**לעול התורה והמצוות למזל טוב**

אתכבד בזה להזמין את מע"כ שיחי', לשמוח אתנו בשמחת

# סעודת
# בר מצוה

שיתקיים אי"ה

## ביום ה' פר' עקב הבעל"ט

לסדר וברך פרי בטנך, ט"ז לחודש מנחם אב תש"פ לפ"ק

**בשעה 7:00**

## באולם עטרת מייזעלס

3 YD Goldberger Drive

ואת אחי ורעי אנכי מבקש בואו נא להשתתף בשמחתינו ולהאציל
מברכותיכם וזכות אבוה"ק יגן עלינו ועליכם להתברך ממעון הברכות ורב
שמחה ונחת וכל טוב סלה

## אלעזר טייטלבוים

**בהגה"צ אבד"ק בית אהרן שליט"א**
**חתן כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א**




# מסיבה מפוארה להחזקת המקוה ובית המדרש קאזניץ דעם מוצאי שבת ואתחנן - נחמו בקול רנה ותודה

## כל הקהל הקודש מזומן לסעודת מלוה מלכה רחבה

**קאזניצער בידהמ"ד א מאגנעט קראפט פאר צענדליגער מתפללים וואס געניסן כסדר פונעם געשמאקער מקום תורה ותפלה**

**ציבור וועט משתתף זיין און שטיצן מיט גרויסע סכומים פאר די נייע מקוה מ'זאל קענען בקרוב לברך על המוגמר, וואס איז אזא שטארקע נחיצות פאר די געגענט**

וְכָל הָעָם הֵרִיעוּ תְרוּעָה גְדוֹלָה בְהַלֵּל עַל הוּסַד בֵּית ה'!

# היסטארישע "הרחבת גבולי הקדושה" אין זאבליטובער הויף שפאנט פאָראויס מיט ענדגילטיגע פלענער צום איפבוי פון פרעכטיגן בית המדרש החדש המפואר



**מייעסטעטישער בנין החדש פון בית המדרש זאבליטוב בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א, אין האַרץ פון שכונת "לעיק שאור", וועט בעז"ה דינען אלס צענטראלע מקום תורה ותפלה מיט אלע צרכי ציבור פאר דער גאנצער געגנט - כי עתה הרחיב ה' לנו!**

נאך לאנגע חדשים פון פלאנירונגען און לעגאלע פראצעדורן ווערן אצינד פולקאם פארענדיגט די ענדגילטיגע פלענער ווען מען גרייט זיך אָט צו אנהויבן פאקטישע בוי פראיעקט בשעה טובה ומוצלחת - לפאר ולרומם בית אלקינו!

בית המדרש זאבליטוב לעבט מיט פריידיגע "נתרבו ספסלי בית המדרש", מיט ריבוי עם פון צענדליגער מתפללים בליעה"ר וועלכע פולן איבער דעם היכל ביי די געהויבענע תפלות מדי שבת בשבתו - כרחמיו וכרוב חסדיו הגדיל לנו!

מתפללי בית המדרש און תושבי השכונה זענען נהנה און מקבל מיט א הערצה וחיבה יתירה פונעם זאבליטובער רבי שליט"א וועלכער איז דולה ומשקה בכל עת לשם ולתפארת

**ערשטע צוגרייטונגען צום גרויסן מעמד "הנחת אבן הפנה" וואס וועט געפראוועט ווערן במקהלות עם רב אין די נאנטע צוקונפט בעז"ה**

גם ברכות יעטה מורה

# בלומינגראוו מיט ברכת מזל טוב פאר הרב הגאון רבי יואל זוסמאן ראזענצווייג שליט"א לרגל התמנותו לכהן פאר דומ"ץ קרית יטב לב, בלומינגבורג

**תושבי העיר האבן במשך די לעצטע עטליכע יאר, גאר שטארק נהנה געווען מאור תורתו, און איז געווען א אדרעס להאיר לשואלים בדבר ה' זו הלכה, און די הערליכע שיעורים תמידים דורכ'ן דיין שליט"א**

**יעצט ווען מה' מצעדי גבר כוננו, לרגל התעלותו לגדולה, וואונטשט מען מעומק הלב הצלחה און סייעתא דשמיא אויף דעם נייעם שטעלע**

עֵת הַזָּמִיר הִגִּיעַ וְקוֹל הַתּוֹרָה נִשְׁמַע בְּאַרְצֵנוּ

# תורה'דיגע פּראַכט פון בלומינגראוו דערהויבן מיט נאָבעלע "כולל בוקר" אין בית המדרש קהל יטב לב - רינאוק אלס אַ שיינענדיגער "פנת יקרת" וואס באלייכט דער גאנצער געגנט




מבצר הכולל בוקר שטייט בהנהלת הגה"צ אבד"ק שליט"א וועלכער איז עומד בראש פון דעם בליענדן בית המדרש המפואר מיט אן אויסטערלישע געטריישאפט און הרבצת התורה

יעדן אינדערפרי, אין די פארטאגס שטונדן, הילכט אפ דער הערליכער קול תורה דורך די פילע אברכים ובעלי בתים חשובים וועלכע האבן זיך קובע געווען אין דעם וואונדערליכן מקום תורה, באגלייט דורך דעם מנהל רוחני הרב יואל שלום לאוב שליט"א

המה העומדים על הפקודים; געטרייע וועד הנהלת הכולל, מוה"ר חיים ברוך דיימאנד הי"ו יו"ר, מוה"ר מאיר גראס הי"ו, מוה"ר שלום יודא ווייס הי"ו, מוה"ר יצחק פנחס עסטרייכער הי"ו, באפאסן זיך געטריי מיט אלע גשמיות'דיגע איינצלהייטן להגדיל תורה ולהאדירה

**קביעות'דיגער מנין שחרית פאלגט נאך 7:30 ברוב עם הדרת מלך**

שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו:

# על בשורות טובות: הגה"צ אבד"ק ראדאוויץ שליט"א ערהוילט זיך ב"ה בזכות תפלות ישראל

נאך לאנגע וואכן, כמעט צוויי חדשים, וואס דער רב שליט"א האט זיך ליידער אויפגעהאלטן אין שפיטאל אין זייער א קריטישן מצב, האבן ב"ה די אומצאליגע תפלות ישראל און קבלות טובות גע'פועל'ט די גרויסע ישועה -הראינו ה' חסדיך!

רבני העיר שליט"א גייען באזוכן לדרוש בשלומו, ספעציעלע באזוך ביים רב שליט"א פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א

דער רב שליט"א איז ווייטער אנגעוויזן אויף אידישע תפלות פאר א פולקאמע ערהוילונג אז ער זאל בקרוב שוין קענען ווייטער מאציל זיין מהודו פאר תושבי השכונה להאיר לארץ ולדרים - עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים.

**אידישע קינדער זענען ממשיך צו מתפלל זיין פאר הגה"צ רבי יצחק מרדכי בן הענדל רייזל שליט"א, אבד"ק מאורות נתן ראדאוויץ, פאר א געענצליכע רפואה שלימה בבריות גופא ונהורא מעליא בתוך שאר חולי ישראל והן קל כביר לא ימאס תפלת רבים**

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירנו

מוה"ר **יואל זילבערשטיין** הי"ו
בן מוה"ר **אהרן** • חתן הרב **משה מרדכי פאללאק**, אב"ד וואדקערט

מוה"ר **זלמן לייב בערקאוויטש** הי"ו
בן מוה"ר **שלום** • חתן מוה"ר **ישראל מרדכי מערמעלשטיין**

מוה"ר **יעקב פריעדמאן** הי"ו
בן מוה"ר **יצחק מרדכי יודא** • חתן מוה"ר **יצחק בריסק**

מוה"ר **זאב פאזנער** הי"ו
בן מוה"ר **דוד** • חתן מוה"ר משה **יעקב גרובער**

מוה"ר **משה אברהם פישער** הי"ו
בן מוה"ר **מנחם** • חתן מוה"ר **נפתלי הירצקא בראך**

מוה"ר **חיים מענדל כהן** הי"ו
בן מוה"ר **דוד** • חתן מוה"ר **מנחם דוב לעווי**

מוה"ר **אהרן נחום הכהן קאהן** הי"ו
בן מוה"ר **חיים אלימלך** • חתן מוה"ר **שמשון אליעזר מינץ**

מוה"ר **מענדל פיקסלער** הי"ו
בן מוה"ר **פנחס** • חתן מוה"ר **אברהם שמואל וויינשטאק**

מוה"ר **יוחנן האכהייזער** הי"ו
בן מוה"ר **ישעי' יצחק** • חתן מוה"ר **שמעון מאיר טירנויער**

מוה"ר **משה אברהם ברוין** הי"ו
בן מוה"ר יצחק דוד • חתן מוה"ר **יוסף וועבער**

מוה"ר **משולם איסר כ"ץ** הי"ו
בן מוה"ר **יוחנן** • חתן מוה"ר **מענדל ראזענבערג**

מוה"ר **יהודא פיינגאלד** הי"ו

מוה"ר **יצחק ווייסמאנדל** הי"ו

צוליב וואס עס מופן כסדר אריין נייע משפחות,
און נייע אידישע הויז אייגענטומער, איז מעגליך אז מיר
האבן נישט יעדן ארויפצושטעלן אויף די ליסטע

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

# ברכת מזל טוב

## לתושבי עירינו שהשמחה במעונם

כ"ק מרן **אדמו"ר מזמיגראד** שליט"א
ולחתנו הרה"ג ר' **חיים מאיר גרינוואלד** שליט"א אב"ד טעטש
לרגל נישואי בנו הרב יואל אליעזר הי"ו
עב"ג בת הרה"צ חיים אלעזר עסטרייכער שליט"א ב"פ

הגה"צ ר' **אלעזר טייטלבוים** שליט"א
ראה"כ תורה ויראה קליימער
לרגל שמחת הכנסת בנו לעהתומ"צ

כ"ק **אדמו"ר מזאבליטוב** שליט"א
לרגל אירוסי בנו הרב שמואל צבי הי"ו
עב"ג בת הרה"צ חיים משה רוקח שליט"א,
מיערסלוב ב"פ

הרה"ג ר' **יואל זוסמאן ראזנצווייג** שליט"א
דומ"ץ קרית יטב לב
לרגל שמחת הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **שמשון אליעזר מינץ** הי"ו
לרגל אירוסי נכדו למז"ט

מוה"ר **גרשון מענדל ראזענבערג** הי"ו
לרגל הולדת נכדיו למז"ט

מוה"ר **חיים גליק** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **שמואל בנימין הכהן פריעדמאן** הי"ו
לרגל אירוסי בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם משה ווייס** הי"ו
באורד מעמבער יו.זשעי.סי
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **יואל שווארץ** הי"ו
לרגל אירוסי בנו **שלמה** הי"ו למז"ט

מוה"ר **אליעזר ווייס** הי"ו
לרגל אירוסי בנו **שלמה** הי"ו למז"ט

מוה"ר **יוסף סאנדל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

הר"ר **נפתלי יוסף מענדלאוויטש** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **גדלי' אפפעל** הי"ו
לרגל אירוסי בתו למז"ט

מוה"ר **שלמה חיים פילאפף** הי"ו
לרגל נישואי בנו למז"ט

מוה"ר **ברוך גלויבער** הי"ו
לרגל נישואי בתו למז"ט

מוה"ר **שמעון ישראל פאזען** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **חיים משה בינער** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **דוד משה צבי בערקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

מוה"ר **אברהם פריעדמאן** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם שמעון פילאפף** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יוחנן האכהייזער** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם שבתי מזרחי** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה יושע פאזען** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **חיים ברוך דיימאנט** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **משה יודא גאלדבערגער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שלמה אפפעל** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **גבריאל חיים ברים** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **שמואל פישער** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אהרן מנחם הכהן ראלניצקי** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **אהרן הערש אינדיג** הי"ו
לרגל הולדת בתו למז"ט

מוה"ר **דוד מאיר בערקאוויטש** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל קאהן** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **חיים צבי לעווי** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **נחמי' הערצאג** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל בנימין זאב ווייס** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **ציון עובדי' מאסרי** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **יואל אבראמאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **יעקב מאיר סטרולאוויטש** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **פישל גאלדשטיין** הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעהתומ"צ

מוה"ר **אליעזר אפעל** הי"ו
לרגל הולדת בנו למז"ט

מוה"ר **יואל** בראי"ל **פעקעטע** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **נפתלי משה ווייס** הי"ו
לרגל תגלחת בנו למז"ט

מוה"ר **אברהם יצחק הערשקאוויטש** הי"ו
לרגל הולדת נכדו למז"ט

מוה"ר **יוסף לעווי** הי"ו
לרגל הולדת נכדתו למז"ט

יזכה לראות רב נחת וכל טוב סלה!